# יחיאל רעזניק

## דער ייִדן-פֿרײַנד

אַ שטילער און לײַטישער מענטש איז האַווריליאַ געווען. אַלע אין שטעטל האָבן אים פֿון קינדווײַז געדענקט, ווען ער פֿלעגט אַ באָרוואָסער און אַ האַלב-נאַקעטער פּאַשען בײַ ייִדן די קעלבלעך.. און ניט נאָר די אַרבעט האָט ער פֿאַר ייִדן געטאָן: פֿרײַטיק צו נאַכט פֿלעגט ער די לײַכטער פֿון טיש אַראָפּנעמען, און אין די ווינטערדיקע שבתים קומען אויסהייצן דעם אויוון.

האַווריליאַ האָט זיך אויסגעלערנט אַפֿילו ייִדיש רעדן. שטעטלשע האָבן אים ווי אַ היימישן און נאָענטן געהאַלטן.

פֿרומע ייִדן האָבן קיין מאָל ניט געזשאַלעוועט פֿאַר האַווריליאַן אַ גרעסער שטיקל חלה, אַ גלעזעלע משקה, ווײַל געוווּסט האָבן זיי, אַז סטעפֿאַן, האַווריליאַס זיידע, וואָס האָט הונדערט און פֿיר יאָר געלעבט, האָט קאַרגע פֿערציק יאָר געטריבן דעם בויד בײַם אַלטן צדיק פֿון שטעטל. האָט מען טאַקע דערציילט, אַז דער רבי האָט סטעפֿאַנען די ברכה אויף אַריכות-ימים געגעבן.

האַווריליאַ איז קיין מאָל ניט געווען פֿויל צו אַרבעטן. אַ ביסל געלט האָט אים זײַן זיידע ירושה געלאָזט, האָט ער טאַקע נאָך אין די יונגע יאָרן פֿאַרמאָגט אַ סך ערד, וואַלד, אַ שטיבל און אַ שיין דירעלע אין עק פֿון שטעטל. געוואָרן אַ בעל-גוף, אָבער אין דער ייִדישער גאַס פֿלעגט ער נאָך קומען פֿון צײַט צו צײַט. מַשא-ומתן געהאַט מיט ייִדן: ווען ער האָט אַ מעסטל תּבֿואה פֿאַרקויפֿט, ווען -- אַ בהמה'לע. בײַ ווען געלט געליגן און צו ווען ער איז גלאַט אַזוי אַרײַנגעקומען.

אַזוי האָט האַווריליאַ געלעבט יאָרן לאַנג אין שכנות מיט ייִדן. אין די ווינטער נעכט פֿלעגט ער ליב האָבן זיצן בײַ אַ גלעזל וואַרימס אין אַ ייִדישן שכנס הויז און דערציילן מעשׂיות פֿון דעם זיידן זײַנעם, וואָס איז פֿערציק יאָר בײַם צדיק אַן אָנטרײַבער געווען.

אַפִֿילו אַז אַ קינד איז בײַ אים קראַנק געוואָרן, האָט ער געבראַכט ליכט אין צאַדיקס קלויז...

---

אַז די שחיטות אויף ייִדן האָבן זיך אין לאַנד אָנגעהויבן, איז האַווריליאַ געווען מרה-שחורהדיק, און אַז ער האָט אַ ייִדן. אַ שכן, באַגעגנט, פֿלעגט ער מיט הכנעה דעם קאָפּ בויגן און די אויגן צו דער ערד אַרונטערלאָזן.

האָבן ייִדן שוין געוווּסט, אַז אין אַן אומגליק קאָן מען זיך בײַ האַווריליאַן אויסבאַהאַלטן.

ער פֿלעגט שוין זײ צוגרייטן באַהאַלטענע ערטער, טראָגן אַהין עסן פֿאַר דערוואַקסענע און שיקן זײַן ווײַב אָנזויגן די אויפֿעלעך...

בסוד סודות האָט האַווריליאַ עס געטאָן, און כּדי מ׳זאָל אויף אים קיין חשד ניט פֿאַלן, האָט ער אויפֿגעהערט מיט ייִדישע שכנים צו טרעפֿן, זיך דערווײַטערט פֿון זײ, ניט איין מאָל זידלען זײ בפרהסיה, צוליב מער זיכערקייט.

אַ סוד קען מען אָבער לאַנג ניט האַלטן: האָבן גויִים אָנגעהויבן געוואָר ווערן, אַז האַווריליאַ ראַטעוועט די "זשידעס".

אייניקע האָבן אים מוסר געזאָגט, אַנדערע האָבן אים פֿאַרמאַסערט פֿאַר "נאַטשאַלסטוואָ". ער פֿלעגט אָבער תּמיד זיך אויסדרייען, קאָנען דערווײַזן, אַז ער איז, פֿאַרקערט, דער גרעסטער שׂונא דעם ייִדישן פֿאָלק.

קומט איין מאָל אַן עלצטער פֿון אַ כאָפּטע גזלנים, קומט אין איײַלעניש. דערווײַל, איידער וואָס-ווען שעכט מען אויס ייִדישע קינדער. מען רויבט ייִדיש האָב און גוטס, אָבער די בלוט-דורשטיקע חיות ווילן נאָך.

שיקט ער רופֿן האַווריליאַן:

"דו אַזעלכער און אַזעלכער, האָסטו זשידעס בײַ זיך אויסבאַהאַלטן? די רגע זאָלסט דו זאָגן ווו זיי זײַנען!" און בכדי אויפֿן גוי וואַרפֿן מער פּחד, איז ער אים מכבד מיט אַ פֿלאַמפֿײַערדיקן פּאַטש.

אַזוי ווי גזלנים און באַנדיטן זײַנען יענעם יאָר איבערגעגאַנגען דורכן שטעטל אין די טויזנטער, האָט מען אָן האַווערילאַן אויך ניט פֿאַרגעסן: אַ מאָל אים אַ צאָן אויסגעהאַקט, אַ מאָל בלוט פֿון דער נאָז געלאָזט, אַ מאָל גלאַט טרוקענע קלעפּ אים געגעבן.

האַווערילאַ איז עס אַלץ מקבל באהבֿה. כאַפּט פּעטש און לאָזט זיך דערוויַיל אַרײַן אין ראיות, אַז דאָס אַלעס, וואָס דער שר זאָגט איז דער היפּאוך צו דעם וואָס ער, האַווערילאַ, טוט. אַ סימן: ער האָט שוין ניט איין ייִדן אָט מיט זײַנע צען פֿינגער אויף יענער וועלט אַריבערגעפּעקלט.

זאָגן פֿלעגט דערנאָך האַווערילאַ, אַז ניט ער האָט עס געטענהט, נאָר אַזוי ווי אימיצער האָט גערעדט. ער האָט נאָר דאָס מויל געהאַלטן אָפֿן.

ס'רובֿ איז דער סוף געווען אַ גוטער: ער האָט טאַקע געכאַפּט פּעטש נאָר תּמיד האָט מען אים נאָך אַ קלאַפּ געטאָן אין פּלייצע מעשׂה גוטער ברודער און געגלויבט האַווערילאַן, אַז ער וועט, חלילה, קיין זשידעס ניט באַהאַלטן.

אין זײַן הויז זײַנען אַלע באַהאַלטענע קעמערלעך געווען פֿול מיט ייִדן, דאָס האַרץ האָט געציטערט, ס'זאָל כאָטש קיינער ניט אַ שמעק טאָן אַהין.

ייִדן האָבן געקוקט אויף האַווערילאַן ווי אויף אַ שליח פֿון דעם אויבערשטן, וואָס האָט שוין ניט איין ייִד געראַטעוועט.

געטאָן האָט ער דאָס בשתיקה, אָבער איין מאָל האָט ער געמוזט אַרויס בפֿרהסיה, זיך אײַנשטעלן בעטן פֿאַר אַ ייִדן און דערמיט צוגעבן, אַז אַלע מסירות זײַנען געווען אמת.

די מעשׂה איז אַזוי געווען: געקומען איז אין שטאָט אַ שׂר מיט אַ פּאָר צענדליק רויבער. זײַנען ייִדן צוגעוווינט: זיי זײַנען ניט שוין די ערשטע.

איז אָבער דער שׂר אַ מאָדנע חיה געווען. "וואָס", האָט ער געזאָגט "וואָס וועל איך מײַנע הענט שמוצן. דאָס גאָלד און זילבער דאַרפֿט איר מיר געבן, ווײַל ס'איז אונדזערס. דעם רבֿ וועל איך אין מיטן מאַרק אויפֿהענגען און מיט די איבעריקע ייִדן -- וואָס מײַן חבֿרה וועט וויל געפֿעלן"...

איז דער רבֿ פֿון שטעטל, אַן אייניקל פֿונעם אַלטן צדיק, געווען אַ כּשרער ייִד, געווען אַ טאַטע צו זײַן עדה, האָט דאָס גאַנצע שטעטל אויף זיך די קליידער געריסן, געקלאָגט און געוויינט, ווען מען האָט דעם רבֿ צום עלצטן געפֿירט.

גייען נאָך יונג און אַלט זייער רבֿ, ברעכן די הענט און קאָנען זיך מיט אים ניט שיידן. און ער, דער רבֿ, איז אַזוי רויִק, זײַנע אויגן פֿינקלען: אַזוי ווי ס'וואָלט אַ פֿרייד געווען אומקומען פֿאַר זײַן עדה, פֿאַר די "צאן קדשים".

דעמאָלט איז האַווארילאַ געקומען צום שׂר און געפֿאַלן אים צו די פֿיס: געוואָלט דעם רבין מציל זײַן.

ענטפֿערט אים גאָרניט דער רוצח, נאָר פֿירט אַרויס האַווארילאַן אין הויף און פֿרעגט בײַ זײַנע מחבלים און גלאַט פּויערים פֿון די אַרומיקע דערפֿער בזה הלשון:

וואָס קומט דעם מענטשן וואָס שטעלט זיך איין פֿאַר ייִדן? איז עס געוואָרן אַ גרויס געפילדער. שׂונאים האָבן האַווארילאַן ניט געפֿעלט, האָבן זיי אָנגעהויבן רייצן:

"איר זעט, ניט אומזיסט האָט מען געזאָגט אויף אים" ... און אַ פּסק דין האָט מען אַרויסגעגעבן: מע זאָל טאַקע דאָ אויפֿן הויכן בוים אויפֿהענגען האַווארילאַן, נאָך איידער די זון וועט פֿאַרגיין. קיינער זאָל אים צו קבֿורה ניט ברענגען. אַזוי זאָל ער הענגען אויפֿן בוים ביז ס'וועט פֿון אים קיין זכר נישט בלײַבן...

דערווײַל האָט מען גענאָמען אָנטאָן עינויִם קָשים דעם רבֿ. און ער, דער צדיק, קרעכצט נאָר שטיל, אין זיך.

ליגט האַווערילאַ אַ געבונדענער, וואַרט אויף דער תליה און חדושט זיך, וואָס אַזאַ שוואַכער מענטש ווי דער רבֿ קאָן אַזעלכע געבראַנטע לײַדן איבערטראָגן. און ווען דעם רבינס נשמה האָט זיך באַדאַרפֿט מיטן גוף שײַדן, האָט ער מיט התלהבֿות געציילט וואָרט באַ וואָרט, געזאָגט: "ש-מ-ע י-ש-ר-א-ל!"

און האַווערילאַ, וואָס האָט נאָך פֿון קינדווײַז געקאָנט "קריאת שמע", האָט אָפּגעענטפֿערט מיט האַרץ: "א- ח - ד!"

ווען מ'האָט האַווערילאַן גענומען דעם שטריק איבערן האַלדז פֿאַרציִען, האָט ער געקראָגן גרויס פּחד און פֿאַר שרעק אָנגעהויבן קרייען ווי אַ האָן.

האָבן די טײַוואָלים זיך דערשראָקן, געמיינט אַז אַ דיבוק איז אין אים אַרײַן. האָבן זיי אָפּגעוואַרט אַ ווײַלע...

דערווײַל איז אָנגעלאָפֿן אַ רײַטער: גיכער, דער שׂונא גייט! ...

---

און אַז די ממשלה אין לאַנד האָט זיך געביטן, האָבן ייִדן געהאַט צו דערציילן פֿיל וווּנדער ווי אַזוי האַווערילאַ האָט פֿאַר זיי דאָס לעבן געשטרעקט אין יענע שרעקלעכע טעג.

און וועגן מופֿת בײַ דער תליה האָט מען דערציילט אומאַטום, איבערן גאַנצן לאַנד. האַווערילאַ דאַרף זיך איצט ניט באַהאַלטן מיט זײַן פֿרײַנטשאַפֿט צו ייִדן. קומט ער אַרײַן, טרינקט אַ גלעזעלע טיי און דערציילט אַלץ וועגן יענע טעג.

אַ מאָל ברענגט ער אַ מעסטל קאַרטאָפֿליעס אַ ייִדן אַ יורד און איז מחיה אַ נפֿש.

אַלע מאָל ווען ער רעדט ווי אַזוי דער רבֿ איז אומגעקומען, ווי אַזוי מע האָט אים געמוטשעט, דערציילט ער, ווי אַלע נאַכט

קומט צו אים דער רבֿ אין חלום אַ רויִקער, מיט אַ שמייכל אויף די ליפּן...

לאַנג דערפֿון רעדן קאָן ער ניט, ווײַל ער הייבט אָן קרייען ווי אַ האָן...

קינדער צולויפֿן זיך פֿון שרעק און עלטערע מענטשן לאָזן פֿאַרשעמטע אַראָפּ די אויגן צו דער ערד.

און זײַן קרייען הערט זיך ווײַט אין שטעטל...